STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04148

DI TSHERNOVITSER KONSTITUTSYE

Tzalel Blitz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

צאַלעל בליץ

די טשערנאָוויצער קאָנסטיטוציע

ISBN:0-657-04148-3

1948 בוענאָס־איירעס

צאַלעל בליץ

01/9/82

די טשערנאָוויצער קאָנסטיטוציע

(צום פערציקסטן יאָרטאָג פון דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ)

איקוף פאַרלאַג
בוענאָס איירעס
1948

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE

Copyright by
TZALEL BLITZ
Buenos Aires

TZALEL BLITZ

"Di Chernovitzer Constituzie"

(LA CONSTITUCION DE CHERNOVITZ)

EDITORIAL "I C U F"

Buenos Aires, 1948.

— .1 —

הינטער אַ פּערציקיאָריקער היסטאָרישער גערדיכטעניש איז פאַר־חוילן און פאַרבאָרגן, פאַרשטעקט און באַהאַלטן דאָס שטילע יאָר 1908.

טיפוואַלדיק זייַנען די יידישע ווערטער וואָס פירן צוריק צום צאַרטן געוויקס, וואָס די יונגע יידישע קולטור האָט אין איינעם אַ סאַך־זור־מערדיקן סעפּטעמבער־טאָג פאַרפלאַנצט אין טשערנאָוויץ. טיפוואַלדיק זייַנען די דאָזיקע ווערטער אָבער ניט פאַרוואַקסן. ניט קיין 40 ביבלישע מידבער־יאָרן האָט זינט דאַן דורכגעמאַכט די יידישע קולטור, נאָר 40 יאָר אָפּגעטונקטע אין צוויט, באַדעקטע מיט קווייטן, אָפּגעשאָטענע מיט פּיירעס און אויסגעצוואָגענע אין זון.

די קרומקרייציקע סיטרע־אַכרע האָט אויסגעלייגט אַף דער ערד אַסאַך פון אונדזערע וועלדער, אָבער אַפילע אויסגעהאַקטערהייט האָט זיך געטראָגן פון זיי דער האָניק־רייעך פון אונדזער יידישן וואָרט, פון יענעם יידישן וואָרט וואָס איז געקרוינט געוואָרן אין טשערנאָוויץ.

די פאַרפלאָנטערטע קרומצווייגיקייט פון יידישן לעבן האָט צופיל פאַרשטעלט די טשערנאָוויצער טעג און דערפאַר האָבן מיר ביז איצט צו ווייניק אַרויסגעזען די גרויסע נאַציאָנאַלע ראָמאַנטיק פון דעם טשערנאָוויצער אָנזאָג, פון יענעם אָנזאָג וואָס האָט פאַרוואַנדלט די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ אין דער קאָנסטיטואירנדיקער פאַרזאַמ־

לינג פון דער מאָדערנער יידישער קולטור, פון יענעם סואווערענעם אָנזאָג דורך וועלכן עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די אומאָפּהענגיקייט־דעקלאַראַציע פון דער יידישער שפּראַך, פון יענעם דרייסטן אַרויסרוף וואָס האָט אַראָפּגעריסן די זשאַרגאָנישע קייטן פון אונדזער פאָלקשפּראַך און דורכגעפירט די נאַציאָנאַלע קרוינונג פון יידיש.

1908 דאָס איז אונדזער גרויסע טשערנאָוויצער קולטור־רעוואָלוציע, וואָס אין איר שטאָלצער ריטמיק האָט אַוועקגעשפּרייזט דאָס יידישע קולטור־לעבן אַף די וועגן פון דער גאַנצער וועלט. די דאָזיקע שטילע, אַנטשוויגענע דאַטע פון גייסטיקער באַפרייאונג און עמאַנציפּאַציע דאַרף מען אויסלייזן פון איר טיפער פאַרגעסנקייט און באַצייכענען זי ווי דעם ערשטן פון אונדזערע וועלטלעכע יאָנטויווים.

— .2 —

דאָס יאָר 1908 איז געקומען אין אַ האַלב־דערשראָקענער צייט: 3 יאָר נאָכן דורכפאַל פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע, 4 יאָר נאָכן טויט פון גרויסן ציאָניסטישן וויזיאָנער, 5 יאָר נאָכן פּאָגראָם אין דער שביטע־שטאָט קישעניעוו. דאָס יידישע פּאָליטישע לעבן האָט שוין דאַן געהאַט אין זיין אַקטיוו 10 יאָר ציאָניזם, וואָס איז נאָך אין יענער צייט געווען מער אַ שווייצאַרישער קאָנגרעס־ציאָניזם ווי אַ פאָלקס־ציאָניזם און 10 יאָר מאַרטירערישן בונדיזם, וואָס האָט שוין דאַן געהאַט אין זיין ווייטיקדיקן באַגאַזש די טליע פון הירש לעקערט.

דאָס יידישע לעבן איז דורך מעלוכע־גרענעצן און דורך אָקעאַנען געלעגן אַ צעשניטענס אַף 3 הויפּט־כאַלאָקים: רוסלאַנד, גאַליציע און צפון־אַמעריקע.

דאָס יידישע לעבן אין צאַרישן רוסלאַנד האָט זיך אַלץ מער און מער געשטיקט אין אַ לאַבירינט פון קליינשטעטלדיקער דעקלאַסירטקייט, געפונען זיך אפן ברעג פון שוואַרצמייעדיקע פּאָגראָם־פאַרפּלייצונגען און אויסגעשטאַנען פּסיכאָלאָגישע, מאָראַלישע און סאָציאַלע דערנידעריקונגען פון סאַמע ערגסטן מין.

ליכטיקער איז געווען אין גאַליציע. גאַליציע האָט געהערט צו דער

קינסטלעך־צונויפגעקלעפּטער עסטרייכיש־אונגאַרישער אימפּעריע, וואו עס האָט געהערשט דער קייזערלעך־קעניגלעכער, פראַנציאָזעפישער ליבעראַליזם, אָן אָנגעזאַפּטער מיט מיירעוו־אייראָפּעישע עסענצן. די דאָזיקע מאָנאַרכיע איז געווען געצוואונגען אויסצוטיילן טאָלעראַנטקייט, ווייל די מעלוכע איז געווען אַ מאָזאַאיק פון שטאָלצע פעלקער, וואָס מען האָט געדאַרפט אָן אויפהער איינשטילן קעדיי עס זאָל ניט אַרויספּלאַצן זייער באַלקאַנישער אירעדענטיזם. אַזוי ווי די מאָנאַרכיע איז ניט געווען בעקויעך צו טאָן עס מיט שלעכטן, האָט זי עס געטאָן מיט גוטן און אַזוי אַרום האָט געהערשט איבערן לאַנד אַ גייסט פון גוטמוטיקער, געמיטלעכער צווישנפעלקערדיקייט און עס זיינען אַפילע געווען פאַרשיידענע מאַדרייגעס פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע.

די הויפּטשטאָט ווין האָט געשמעקט מיט פּאַריז און אין דער אַטמאָספער פון די ווינער פּאַריזערישקייטן האָט געשוועבט דער נאָנשאַלאַנטער גייסט פון סאָף יאָרהונדערט, אָדער „פּען דע סיעקל”, ווי מען האָט אים באַצייכנט אין פראַנצויזיש. דער דאָזיקער גייסט האָט זיך כאַראַקטעריזירט מיט אַ מין קרענקלעכער, טעמפּער זאָרגלאָזיקייט פון דער בורזשואַזיע אין דער עפּאָכע ווען דער קאַפּיטאַליזם האָט אָנגעהויבן צו דערגרייכן זיין אינדוסטריעלע און אימפּעריאַליסטישע פּאָליאַריקייט.

אַ פאַרשיקערטע האָט די בורזשואַזיע דעגענערירט אונטער די שורשנדיק־זיידענע קלאַנגען פון די בלאָע דונײַ־וואַלסן פון יאָהאַן שטראַאוס און פון די אָפּערעטעס פון פראַנץ לעהאַר, ניט באַמערקנדיק דורך איר לאָרנעטע ווי דער נאַציאָנאַל־באַפרייערישער און סאָציאַל־אויסלייזנדיקער מעסער לויערט פון ווייטן אויף איר פוסטער פרייד און ווי דער פרייסישער מיליטאַריזם קיימלט זי צו צו זיין טעאוטאָנישן רייטוואָגן. סטעפאַן צווייג האָט מיט גרויס בענקשאַפט אָנגערופן די דאָזיקע עפּאָכע „די וועלט פון נעכטן”, אָבער מאַקס נאָרדוי האָט זי באַצייכנט מיט איין ברוטאַלן וואָרט „דעגענעראַציע”, און צום פאַסיקסטן וואָלט געווען אָנצורופן זי „די דעגענערירטע וועלט פון נעכטן”...

א דאַנק די אַלגעמיינע אומשטענדן האָט אויך די יידישע גאַליציע געלעבט אונטערן בעסעד פון דאָזיקן זיסלעך־פוילנדיקן ליבעראַליזם און עס איז אַפילע געווען אַ געוויסע פּאָליטישע מעגלעכקייט, אין העסקעם מיט דער אַלגעמיינער טענדענץ פון נאַציאָנאַלער זעלבסטבאַשטימונג, אַז יידיש זאָל אָנערקענט ווערן פון דער מעלוכע ווי אַ גלייכבאַרעכטיקטע שפּראַך. אַזוי אַרום האָט די יידישע גאַליציע, יאָרנלאַנג פאַרן ווערסאַלער טראַקטאַט, שיר ניט געהאַט דעם סטאַטוס פון אַ נאַציאָנאַלער מינדע־הייט און האַגאַם איר עקאָנאָמיק איז אויך נישט געווען קיין געזונטע, האָט זי אָבער ניט געפילט די דעגראַדירדקייט און צעבראָכנקייט פון רוסישן יידן, ניט געקוקט אַף דעם וואָס אין געוויסע הויכע פענצטער האָט מען קולטיווירט אַן איידעלן אָבער גאַנץ אָפענעם סאַלאָן־אַנטיסעמיטיזם. יעדנפאַלס, איז ניט געווען קיין אידעאַלערער אָרט אַף צוזאַמענצורופן אַ יידישע שפּראַך־קאָנפערענץ ווי יענץ גאַליציאַניש־בוקאָווינ״ש ווינקעלע וואָס איז געלעגן פאַררוקט אין דער עסטדייכישער מעדינע.

אַמעריקע, דער יינגסטער יידישער אישעוו, וואָס איז נאָך געווען אַ ניט־פאַרענדיקטער און אין סטאַדיע פון פאָרמירן אַן אייגענעם פּאַרצעף, איז געווען דער איקער אַ סובפּראָדוקט פון יידישע צאָרעס אין צאַרישן רוסלאַנד. האַלב־לעגאַל און אומלעגאַל, דורך גרענעץ־שוואַרצע־נישן און דורך אויסרייסענישן איז אָנגעגאַנגען אַ יידישער עמיגראַנטישער פּילטראַציע־פּראָצעס, ספּעציעל נאָכן קישעניעווער פּאָגראָם און נאָך דער שווערער מאַפּאָלע פון יאָר 1905. אין אַמעריקע גופע האָט זיך אָנגעהויבן אַ שוויצשאַפּערישער פּראָלעטאַריזאַציע־פּראָצעס און עס איז אַנטשטאַנען אַ ניי סאָרט יידנטום, וואָס איז פיזיש איינגעוואָרצלט געוואָרן אין אַ נייער עקאָנאָמיק, אָבער וואָס איז גייסטיק נאָך ניט אויסגעוואָרצלט געוואָרן פון פריערדיקן אַרט לעבן. אַפן וועג פון „מאַכן אַ לעבן” זיינען די גייסטיקע אינטערעסן פון אימיגראַנט געבליבן הענגען אין דער לופטן און אין דער גרויסער פרייהייט פון שוויצן האָט ער געהאַט וויניק פרייע צייט צו באַנעמען דעם אַבסטראַקטן, אינטעלי־

גענטישן, נאציאָנאַל־אויסגעלייִדיקטן „סאָציאַליזמוס“, וואָס ד ע ר „גענאָסע“ אָדער י ע נ ע ר „גענאָסע“ האָט געפּרייִדיקט...

— .3 —

ווי פאַרשיידן עס איז ניט געווען דער רעכטלעך־פּאָליטישער און עקאָנאָמישער מאַצעוו פון די דאָזיקע דריי יידישע גרונט־יישואווים, האָבן זיי אָבער געהאַט אַ שוטפעסדיקן שטריך: אַ וואַקסנדיקן נאַציאָ־נאַלן ווילן פון יידישער זעלבסטדעפינירטקייט און יידישן זעלבסט־אויסדרוק.

די אַלץ גרעסערע קעמפערישקייט פון סאָציאַליזם אַף דער וועלט און דער אונטערערדישער נאַציאָנאַלער אומרו פון אונטערדריקטע פעל־קער, וועמעגס אויפברויז האָט אָפּגעהילכט פון די ווייסע פינלענדישע אָזיערעס ביז די שוואַרצע באַרגשפּיצן פון דער אַלבאַנישער טשערנאָ־גאָריע, האָט אָנגעזאָגט אַז די געשיכטע קלייבט זיך צו מאַכן אַ נייעם כעשבן קעדיי צו פאַריכטן אירע טאָעסן און אַז עס וועלן בעקאָרעוו נעמען פּלאַצן מיט ערעוו־פרילינגדיקער פרייד די אַלט־איינגעפונדע־וועטע אומגערעכטיקייטן, און עס וועלן אַ ריר טאָן די בלאָע וואַסערן פון פרייהייט.

די יידישע מאַסן וואָס האָבן זיך געפונען אַפן סאַמע דעק פון סאָ־ציאַל־נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג האָבן דערפילט מיט זייער פאָלקס־אינטויציע און מיטן פּאָליטישן כוש פון זייער אַוואַנגאַרדישן פּראָ־לעטאַריאַט דעם דאָזיקן געשיכטלעכן אָנזאָג און זיי האָבן געוואָלט מיט אַן אייגענעם פּאָנים אַרויסגיין פון דער צאַרישער „שאול תחתיה“ און פון אַלע איבעריקע גריבער וואו זייער מענטשלעכקייט איז, צוליב זייער יידישקייט, געווען באַגראָבן.

דער יידישער סאָציאַליזם, דער אידעאַל פון יידישער קולטור־אויטאָ־נאָמיע, דער ציוניזם און דער גאָלעס־נאַציאָנאַליזם האָבן דורך זייערע קאָנצעפּציעס געזוכט אַ נאַציאָנאַלן טאַכלעס פאַרן יידישן פאָלק, אָבער וועלכע איז געווען די בינדקראַפט וואָס האָט געקניפּט און געבונדן די יידישע יישואווים אַף דער גאַנצער וועלט און די באַזונדערע פּאָליטישע

איינשטעלונגען אין יעדן יישעוו באַזונדער, אויב דאָס שטאַרקסטע וואָס בינדט צונויף, די אייגענע טעריטאָריע, איז ניט געווען און אויב די רעליגיע, וועלכע האָט ניט גענומען קיין אָנטייל אין די מאָדערנע עמאַנציפּאַציע־באַוועגונגען, האָט שוין דאַן, אין אָנהייב פון 20סטן יאָרהונדערט, אויפגעהערט צו דאָמינירן אין געזעלשאַפטלעכן לעבן? צונויפגעבונדן דאָס יידישע פאָלק אין איין נאַציאָנאַלער גאַנצקייט האָט די יידישע קולטור און איר שאַרפזיניקער, דורך דוירעסדיקער פאָלקסכאָכמע און פאָלקס־טרערן אויסגעפאָלירטער אינסטרומענט — די יידישע שפּראַך.

פאַרן יידישן פאָלק האָט די יידישע שפּראַך אויסגעפילט ניט נאָר קיין שפּראַכלעכע פונקציע נאָר אויך אַ טעריטאָריאַלע. די יידישע שפּראַך איז געווען אַ קעמוי־טעריטאָריאַלער בינדשנור פון די יידישע מאַסן. אַלע קלענערע יידישע יישואווים וואָס האָבן זיך ניט צוגעבונדן צום יידישן פאָלק דורך יידיש זיינען פאַרדאַרט און פאַרקוואַרט געוואָרן ניט נאָר קולטורעל נאָר אויך נאַציאָנאַל.

אַפן דאָזיקן היימישן שפּראַך־אינסטרומענט האָט דאָס יידישע פאָלק, דורך זיינע שרייבער, אויסגעשפּילט זיינע מאָדערנע, גרויסע סימפאָניעס. שוין דאַן, ערעוו 1908, איז דאָס גרונטרייכטום פון די קלאַסיקער געלעגן דעפּאָזיטירט אין יידיש און די ליטעראַרישע אָשירעס וואָס זיי האָבן אַרויסגעבראַכט האָט גאַראַנטירט די גאָלד־דעקונג פון דער יידישער שפּראַך. דאָס דאָזיקע רייכטום געהערט אָבער ניט אויסשליסלעך צו די קלאַסיקער. זיי זיינען בלויז געווען די גאָלדזוכער און ווען עס וואָלט ניט געווען קיין פריערדיק גאָלד וואָלטן ניט געווען קיין שפּעטערדיקע גאָלדזוכער. זיי וואָלטן בעשום אויפן ניט געקענט אַרויסבאַקומען די דאָזיקע אָשירעס ווען זי וואָלט זינט דוירעס ניט עקזיסטירט אין די טיפע שיכטן און שאַכטן פון פאָלק גופע און בא די אַנאָנימע און ניט־אַנאָנימע פאָלקסקינסטלער.

פּאָנים־על־פּאָנים מיט די אַמאָליקע טיינעס וועגן דער קלוימערשטער מישמאַשיקער צונויפגעשטוקעוועטקייט און אומגעלומפּערטקייט פון יידיש האָבן יידישע שפּראַך־וויסנשאַפטלער יאָרנלאַנג באַמיט זיך

צו באווייזן די לינגוויסטישע געזעצמעסיקייט פון אונדזער פאָלק־שפּראַך, איר נאָרמאַלן, נאַטירלעכן געבוי, וואָס איז „ככל הלשונות" פון „כל הגויים". זיי האָבן געבראַכט באווייזן וואָס קענען צופרידנ־שטעלן די סאַמע איינגעאַקשנטסטע פילאָלאָגישע פּוריסטן. זיי האָבן דערוויזן אַז די אינעווייניקסטע, אייגנאַרטיקע געסיידערטקייט פון יידיש זעט זיך אַרויס אין איר דרויסנדיקער, אויסגעהאַלטענער גראַ־מאַטישקייט, אָבער אין עצעם איז ניט דאָס דער איקער. דאָס איז בלויז אַ נאַטירלעכער פּויעל־יויצא פון דער שפּראַך. דער איקער איז, אַז אין דער דאָזיקער שפּראַך האָט זיך זינט יאָרהונדערטער צעלאָזן און צע־גאַנגען די יידישע פאָלקס־נעשאָמע און האָט זיך אין איר אויסגעלעבט מיט מאַמעלאָשנדיקער געמיטלעכקייט. אין לעבן פון אַ פאָלק, ווי עס דריקט זיך אויס הומבאָלדט, איז די שפּראַך ניט נאָר אַ טעכנישער מיטל פון פאַרשטענדיקונג, נאָר זי פירט אויס אַ פּסיכישע פונקציע, זי האָט אַן אינערלעכע פאָרעם.

מיר דערוויסן זיך פון מאָרדכע ספּעקטאָר אַז דאָס פאָלק האָט אָנ־גערופן יידיש ניט נאָר מאַמע־לאָשן נאָר אויך גאָטס יידיש. זינט צענד־ליקער דורעס האָט דאָס פאָלק אויסגעגאָסן זיין האַרץ אין יידיש. דאָס פרומע פרויען־האַרץ האָט געציטערט צו גאָט אַף יידיש און דאָס לער־נען די אַלטע רעליגיעזע ספאָרים וואָלט געווען אוממעגלעך אָן זייער טאָג־טעגלעכער פאַריידישונג. די אַלטע כאָכמע איז געווען רוי און קעדיי צו באַנעמען איר זין האָט מען די העברעיש־אַראַמעישע האַרט־קייט און ביינערדיקייט אירע געמוזט איינקאָכן, און איינקאָכן האָט מען זי געקענט בלויז אין יידיש.

יידיש האָט זיך געפונען אין סאַמע קאָכפּונקט פון כסידישער צעוואַרעמטקייט און אַפן סאַמע אייזשפּיץ פון מיסנאַגדישער פאַר־פרוירנקייט, אין שאַרפזיניקסטן הויכפּונקט פון אַ „קל וחומר" און אין די שווערע ציינרעדער פון אַ „שקלא וטריא", געגעכטיקט בא הערשעלע אָסטראָפּאָליער און געטאָגט בא רעב לייווי ייצכאָק בערדיטשעווער, באַדינט דעם ווילנער גאָען און געטוליעט זיך צו רעב נאַכמען בראַצ־לאַווער, געדרייט זיך אין קאָשער־טענץ און געווײנט אַף גאָלעס האַ־

שכינע, געגאַסן אירע זילבערנע וואַסערפאַלן אינעם פאָלקסליד און דערלאַנגט טערקישן פעפער אין דער קלאָלע, ביז זי איז אָנגעקומען אַף דער לער צו רעב מענדעלען, וועלכער האָט זי אַרונטערגעפירט אונטער דער כופּע פון ליטעראַטור.

ערעוו 1908 האָט זי געדרוט אַף די ליפּן פון איבער 8 מיליאָן יידן, איז געוואָרן אַן אויסדרוק פון געזעלשאַפטלעכער, נאַציאָנאַלער און קולטורעלער אָרגאַניזירונג, און אַ געטרייער אינסטרומענט פון יידישן פּראָלעטאַרישן קאַמף. די קלאַסיקער האָבן נאָך ניט געהאַט געענדיקט זייער שעפעדיקן שניט, ווי ס׳האָט גענומען שפּאַרן אַ מאַזלבראָכעדי־קער נאָכשפּראָץ אין אַלע דריי עקן פון דער יידישער קאָנצענטרירט־קייט.

יידיש האָט זיך געגעבן אַ הייב און איז אויסגעוואַקסן צו אַ גרוי־סער פאָלקס־זאַך, אָבער טאַקע דערפאַר וואָס עס איז אין איר געווען אַזוי פיל פאָלקישקייט, אַזוי פיל פאָלקסאויסדרוק, אַזוי פיל פאָלקס־פּראָטעסט, אַזוי פיל אייגנאַרטיקע אָפּשפּאָטערישקייט און אַזוי פיל דעמאָקראַטישע פאָלקס־ברידערלעכקייט, האָט די יידישע רעאַקציע און דער נאַציאָנאַליסטישער שאָוויניזם, און די מאַסקילישע און ניט־מאַס־קילישע אַסימילאַציע ניט אויפגעהערט צו באַצייכענען יידיש מיטן מאַמזער־נאָמען „זשאַרגאָן“.

אין דער סינע צו דער פאָלקסשפּראַך האָבן זיי אַרויסגעבראַכט ניט אַזוי די אַבסטראַקטע סינע צו דער שפּראַך גופע, ווי די קאָנקרעטע קעגנערשאַפט צו דער קולטורעלער און געזעלשאַפטלעכער דערהויבונג פון די מאַסן, ווייל אין יידיש האָבן די מאַסן באַוויזן זייער שטייגנ־דיקע פּאָטענץ, זייער סאָציאַלע רייפקייט און אַפילו זייער פּלעבעישע האַזע: זיי האָבן מוירע געהאַט אַז אויב די שפּראַך פון „המון־עם“ וועט קריגן אָנזען, וועט דאָך דער האַמוין גופע קריגן אָנזען און דערפאַר האָבן די פאַרשיידענע טאַקיפים און קאָל־וועלאָכס אייגנגעוויקלט אין אַ פאַלשער „זשאַרגאָן“־מענטעלע זייער עמעסע פיינטשאַפט צום האָ־רעפּאַשנעם פאָלק.

די אינטעליגענטן, ווידער, וואָס האָבן פיינט געהאַט יידיש אָן

באַזונדערע הינטער־קאַוואָנעס, האָבן עס געטאָן צוליב פּאָשעטער אינטעליגענטישער נאַרישקייט, צוליבן פּעסימיזם מיט וועלכן זיי האָבן ביכלאַל געקוקט אַף אַלץ וואָס איז אייגן און יידיש און צוליבן זיין אָנגעשטעקט מיט דער אַנטיסעמיטישער מידע פון באַגאַטעליזירן אַלץ וואָס איז ווערטפול אין יידישן לעבן. זיי האָבן געמיינט אַז מאָדערניזירן דאָס יידישע לעבן הייסט ניט נאָר אַראָפּוואַרפן די קאַפּאָטע, נאָר אויך אויסטאָן די פאָלקשפּראַך, ניט פאַרשטייענדיק אַז גראָד יידיש איז אַ שטאַפּל פון פּראָגרעס און איז אַן אָרגאַנישער און אינעווייניקסטער פאָלקס־סימען וואָס באַווייזט אַז דאָס יידישע פאָלק באַנייט זיך אָבער אַסימילירט זיך ניט. זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען אַז אָן יידיש וואָלט זיך דאָס פאָלק צעברעקלט און וואָלט ניט געקאָנט דורכמאַכן זיינע גווירלדיקע ניסיוינעס, און דערפאַר האָבן זיי געקוקט אַף יידיש ווי אַף אַן אָנוווקס פון דערנער וואָס האָבן פאַרדעקט דאָס פאַרוואָרלאָזטע, ניט־קולטיווירטע יידישע לעבן...

דער דערנער־פאַרגלייך איז גראָד לעטווואַס יידיש. ווייל וואָס איז אייגנטלעך אַ דאָרן? אַ דאָרן איז אַ באַוואָפנטע פלאַנצונג, אַ געוויקס וואָס טראָגט געווער, אַ פלאַנצונג וואָס פאַרטיידיקט זיך מיט אירע נאָדלען, און געבענטשט זאָל זיין דאָס יידישע פאָלק פאַר דער דאָזיקער דערנער־געוועטעניש פון יידיש, פאַר דער דאָזיקער דאָרנדיקייט וואָס האָט אונדז געגעבן אויסדרוק און אונדז פאַרטיידיקט. אַנשטאָט אויסצוקוקן אַף פרעמדע בלומען און פאַפּירענע קווייטן האָט זיך דאָס יידישע פאָלק געקוויקט מיט די אייגענע דערנער און די דאָזיקע אייגענע דאָרנדיקייט האָט זיך ניט געהאַט וואָס צו שעמען פאַר דער פרעמדער בלומיקייט, ווייל סאָף־קאָל־סאָף האָט זיך אונטער יעדער דאָרנדיקער נאָדל צעעפנט אַ בלום. פאַרן פרעמדן, ווייסהענטלדיקן בלומען־קלייבער איז דער דאָרן עקלדיק, אָבער פאַרן דאָרן גופא איז זיין דאָרנדיקייט אַ בראָכע און מיט דער דאָזיקער בראָכע איז פול די נאָדלדיקע שיינקייט פון יידישן וואָרט. שוין דאַן, ערעוו 1908, איז יידיש געווען אונדזער בליענדיקער דאָרן, פונקט ווי זינט די צייטן פון מוישע ראַביינו איז דער ברענענדיקער דאָרן דער סימבאָל פון יידישן

פאָלק. אַ דאַנק דער דאָזיקער דאָרנדיקייט אונדזערער זיינען מיר געוואוינט צו קעמפן מיטן מידבר פון אונטן און מיטן סוינע פון אויבן.

אַלע פאַרלייקענונג-טעאָריעס, אַלע כויזעק-צוגאַנגען, אַלע היסטערישע ביטל-אויסברוכן לעגאַבע יידיש האָבן גאָרנישט געקענט אויפטאָן, ווייל דער עמעס איז געווען שטאַרקער, ווייל דאָס פאַראַקשנטע לעבן האָט געפּאַסקנט אַז בעסער איז צו האָבן אַ דאָרן מיט וואָרצלען איידער אַ בלום אין אַ גלאָז וואַסער.

פון גאַנצן יידישן לעבן האָט געשלאָגן דער אָפּשיין פון יידיש און ד ו ר ך יידיש דער אָפּגלאַנץ פון אינעווייניקסטער עכטקייט, וואָס האָט זיך געריסן צו נאַציאָנאַלער געשטאַלטיקונג און וואָס האָט געוואָלט אַרויסקלעטערן פון די דווירעסדיקע מאַאַמאַקים צום נייעם באַרג-אַרויף.

און אינטערעסאַנט, אַז באַדייטנדיקע טיילן פון דער אָרנטלעכער יידישער אַסימילירטער אינטעליגענץ, וואָס איז אַסימילירט געוואָרן ניט בייזוויליק, ניט אויסגערעכנטערהייט, נאָר אויטאָמאַטיש, מיטן גאַנג פון אויסדרוקלאָזן, אָנפּאָנימדיקן בירגערלעכן לעבן, האָט פונדערווייטנס דערשפּירט דעם נאַציאָנאַלן אַראָמאַט פון יידיש. אַז די דאָזיקע אינטעליגענץ האָט זיך געוואָלט דערנענטערן צום יידישן פאָלק, אַז זי האָט געוואָלט דערשפּירן דאָס פּולסירנדיקע אין יידישן פאָלקס-אָרגאַניזם, אַז זי האָט געוואָלט שטעלן איר ערשטן טראָט אָפּן וועג פון יידישער עכטקייט, האָט זי זיך אָנגעכאַפּט אָן יידיש, ווייל זי האָט פאַרשטאַנען אַז אַנדערש וועט זי ניט קענען דורכמאַכן דעם מעהאַלעך צו איר יידישער אינטעגראַלקייט. און ניט נאָר דאָס אַליין; די דאָזיקע אינטעליגענץ, ספּעציעל די גאַליציאַנישע, וואָס איז געווען אַסימילירט דער איקער אין דייטש, אַ שפּראַך וואָס איר פּערפעקטקייט איז געיאָדוע אַוועקגעשטעלט געוואָרן ווי אַ שלאָגנדיקער מוסטער און קאָנטראַסט לעגאַבע דער פאַרדאָרבנקייט פון יידיש וואָס איז קוואַליפיצירט געוואָרן ווי אַ צעקאַליעטשעטער דייטש, גראָד די דאָזיקע אינטעליגענץ, מיט איר גאַנצער אויסגעקאָכטקייט אין קלאַסישן דייטש, מיט איר גרויסן מאָדערנעם וויסן האָט באַנומען די לינגוויסטישע אָרי-

גינעלקייט פון יידיש, איר נאַציאָנאַלע אויטענטישקייט און איר יידישע שפּילעוודיקייט אין פאַרגלייך מיט דעם האַרט-געקאָוועטן, שווערלייביקן און גראָבהויטיקן לשון פון די גערמאַנער.

עס איז דעריבער סימפּטאָמאַטיש וואָס איינער פון די הויפּט-איניציאַטאָרן פון דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ איז געווען אַ ייד וואָס האָט ניט געקענט קיין יידיש און וואָס איז נאָך דערצו געווען אַ היימער ציוניסט, די ערשטע ציוניסטישע פיגור פון גאַליציע — ד״ר נאָסן בירנבוים, באַקאַנט אונטערן ליטעראַרישן פּסעוודאָנים מאַטיסיאָהו אַכער. עס איז אויך סימפּטאָמאַטיש וואָס דעם גרונט־רעפעראַט אַף דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ, אַ רעפעראַט וואָס איז געווען אַ צוזאַמענגוס פון טיפער וויסנשאַפט און פון טיפן ליבגעזאַנג צו אונדזער פאָלקשפּראַך, האָט געהאַלטן אַ גרויסער קענער פון דייטש, וואָס האָט זיך אויסגעלעבט אין פּויליש — מאַטיסיאָהו מיזעס און עס איז אוואַדע סימפּטאָמאַטיש וואָס די רירעוודיקסטע טוער אַרום קאָנגרעס זיינען געווען יידישע אוניווערסיטעט-סטודענטן פון ווין, וואָס לויט זייער ווינערישקייט, אַקאַדעמישקייט און אַסימילירטקייט האָט זיי די נאַציאָנאַל-יידישע קולטור געדאַרפט ליגן אין דער לינקער פּייע.

די דאָזיקע טיילווייז דערווייטערטע עלעמענטן האָבן דערזען אַז אַפן שוועל פון נייעם יאָרהונדערט האָבן זיך גענומען אַנטוויקלען שטאַרקע אויטאָדעטערמינאַציע-באַוועגונגען צווישן די אונטערדריקטע פעלקערשאַפטן און זיי האָבן דערשפּירט אַז יידיש איז דער נאַציאָנאַלער סימען און דער הויפּט-אַרגומענט וואָס וועט דינען אויסצוקעמפן זייערע אייגענע נאַציאָנאַל-יידישע רעכט קלאָפּע כוץ און באַהעפטן זיי מיט די יידישע מאַסן קלאָפּע פּנים; זיי האָבן דערזען קלאָר אַז יידיש איז דער דאָמינירנדיקער נאַציאָנאַלער שטריך וואָס קען זיי אויסטיילן אין דער עסטרייכיש-אונגאַרישער אימפּעריע ווי אַ באַזונדערע אָנערקענטע מינדערהייט צווישן אַלע איבעריקע, וואָס האָבן געשריען נאָך רעכט און וואָס האָבן די דאָזיקע רעכט ביסלעכווייז באַקומען. זיי האָבן אויך ניט געפילט צו יידיש יענע פּסיכאָלאָגישע סינע פון יידיש־רו-

כישן אינטעליגענט וועלכער האָט געקוקט אויף יידיש ווי אויף א נעבעכ-דיקן פּראָדוקט פון טכום-האַמוישעוו און פון געטאָ.

אָבער ניט נאָר אין גאַליציע נאָר אויך אין אַלע איבעריקע ווינ-קעלעך פון דער יידישער וועלט האָט דאָס אָרנטלעכע פאָלק געפילט אַלץ דייטלעכער און דייטלעכער אַז דאָס יידישע לעבן און שאַפן ווערט רייף אין יידיש, אַז אין יידיש ווערט פאַרהאַרטעוועט די יידישע קערנ-דיקייט, און עס איז אויפגעקומען א בענקשאַפט צו א מין נאַציאָנאַ-לער פּראָקלאַמירונג פון דאָזיקן צושטאַנד, פון אָפּגעבן זיך א יאָנט-טעוודיקן חשבון פון דעם וואָס עס קומט פאָר, ביפראַט אַז אין אַסאַך יידישע ווינקעלעך איז נאָך די סינע צו יידיש ניט געשלאָפן און ניט געדרעמלט, און עס זיינען נאָך געוועזן אין גאַנג די צענדליקער עפּי-גראַפן און שפּאָטפּאַרמולן וועגן „זשאַרגאָן". די סאָנים האָבן אפילע געהאַלטן אין ציטירן די פאַרעלטערטע סענטענצן וועגן יידיש וואָס האָבן געשטאַמט פון גרויסע יידישע שרייבער און יידיש-פריינד, ווי לעמאַשל דעם אַלט-אַלט-פּערעציישן פערז:

„ס'האָט פאַר ליבע, פאַר געפיל
ניט קיין פּאַסנד וואָרט, קיין סטיל."

אָדער דעם אַלט-פרוגישן:

„אַן אַלטע יעסוימע, אָן טאַטן, אָן מאַמען,
וואָס שלעפּט אויף די פּלייצעס א זעקל מיט גראַמען."

פאַרשיידענע פענמענטשן און סטאָם ליטעראַרישע טינטלערס האָבן בעקיוון געקאַליעטשעט יידיש, אָדער ווי ספּעקטאָר דריקט זיך אויס: „פיל העברעישע און רוסיש-יידישע שרייבער האָבן אָנגעהויבן שרייבן זשאַרגאָן מיט א גרינגער לעבער, ווייל מיט דער שיפכע דאַרף מען ניט מאַכן קיין צערעמאָניעס, מען דאַרף ניט פּוצן, סטיליזירן, מען קען שרייבן אָדער רייבן, אַלץ איינס."

אומעטום האָט זיך אָבער אָנגעהויבן צו מערקן א ווידערווילן קעגן דער אָנהאַלטנדיקער פּראָפּאַגאַציע פון דער פאָלקשפּראַך. דאָס פאָלקסוואָרט האָט אַלץ שטאַרקער געפאָדערט רעספּעקט; דער פאָלקס-סענטימענט צו יידיש האָט זיך אַלץ מער און מער פאַרוואַנדלט אין

אַ נאַציאָנאַלן סענטימענט און עס איז געוואָרן קלאָר אַז פון אַ הויבער פאָלקס-טריבונע וועט מוזן אַראָפּגידערן אַ קאַטעגאָריש וואָרט, אַ וואָרט פון עמעס, פון איבערצייגעבנקייט און פון ליבע צו דער לעבנסשפּראַך, צו דער קולטורשפּראַך, צו דער האַרצשפּראַך פון דער יידישער מאַסע.

— .4 —

דאָס קערנדל פון דאַזיקן וואָרט איז אין אַ פרילינגדיקן אַפּריל-טאָג פון 1908 פאַרזייט געוואָרן אין דאָוויד פינסקיס אַ קליין צימערל אין ניו-יאָרק.

ד״ר נאָסן בירנבוים, דער גרויסער ציוניסטישער לידער, וואָס האָט זיך דאַן געפונען אויף אַ לעקציע־טור אין די פאַראייניקטע שטאַטן און וואָס האָט זינט אַ לענגערער צייט געוואָלט פאַרפאָלקסטימלעכן דעם דעמאָלסטדיקן שטאַרק שאָוויניסטישן ציאָניזם דורך איינשפּריצן אין אים אַ נאַציאָנאַלע באַציונג צו יידיש און אַ געהעריקע אויפמערק־זאַמקייט צום יידישן קיום אין כוץ-לעאָרעץ, האָט געשלאָסן אַ מין יידיש-פּאַקט מיט ד״ר כאַים זשיטלאָווסקי, וואָס האָט שוין דאַן גע-האַט פאָרמולירט זיין שטאָל-און-אייזנדיקע שטעלונג פון אַ יידישן גאָלעס-נאַציאָנאַליזם און האָט שוין דאַן באַטראַכט יידיש פאַר דער גייסטיקער טעריטאָריע פון יידישן פאָלק.

די דאָזיקע צוויי פיגורן, אַזוי פאַרשיידענע צווישן זיך, אַזוי אַנ־דערשדיקע לויט זייער פאָרמירונג און אַזוי דערווייטערטע אין זייער וועלטקוק, האָבן געהאַט איין שוטפעסדיקע זאַך — וואַרעמע יידישע הערצער, און די טעמפּעראַטור פון דער דאָזיקער וואַרעמקייט איז אויפגעהאַלטן געוואָרן דורך זייער ביידנס ליבע צום לעבעדיקן, קאָ-לעקטיוון קולטורווערק פון יידישן פאָלק — צו דער יידישער שפּראַך. נאָך אַ ריי געמיינזאַמע פאָלקסמיטינגען וועגן דער אַלזייטיקער אַרויס־הייבונג פון יידיש, מיטינגען וועלכע בירנבוים האָט אָנגעהיצט מיט זיין טעמפּעראַמענט און זשיטלאָווסקי האָט געקילט מיט זיין לאָגיק, איז אין דאָוויד פּינסקיס צימערל געפאַלן די היסטאָרישע דעציזיע

וועגן טשערנאָוויץ און עס איז גלייך צעשיקט געוואָרן וועגן דעם אָן אויפרוף בעכאָל טפוצעס ייסראָעל.

די יידישע פרעסע פון יענע צייטן האָט זיך געריבן די אויגן און נישט געגלויבט. די יידישלעכע מידע פון צווייפלען און פון באַשיטן יעדע גלייכע זאַך מיט קרומע פראַגעצייכנס איז אַרויסגעשוואומען אַף די פעסימיסטישע שפּאַלטן פון די יידישע בלאַטצייטונגען. זשורנאַ-ליסטישע „גייסט-אַריסטאָקראַטן" האָבן פון סאַמע שפּיץ פון זייער אָנ-געבלאָזנקייט געטאָן טון אַראָפּבלאָזן בלעזעלעך מיט פאַרגאַלטער אי-ראָניע, העברעישע צייטשריפטן האָבן האַלב-זידלעריש געוואָרנט פאַרן ביזאָיען וואָס עס גרייט זיך אין טשערנאָוויץ, וויצנבלעטער האָבן צע-לייגט אַף טעלערלעך בירנבוימס דייטשע פּראָפּאַגאַנדע פאַר יידיש און אַפילע האַלב-פריינטלעכע צייטונגען זיינען ניט מאַסקים געווען מיט „זשאַרגאָנישן סעפּאַראַטיזמוס". ביכלאָל האָבן אַסאַך פון די יידישע רעדאַקטוירים געקוקט אַפן קומענדיקן צוזאַמענפאָר ווי אַף אַן אַסיפע פון באַטלאָנים, האַגאַם עס זיינען אויך געווען ענטוזיאַסטישע אָפּרופן, ווי לעמאָשל מאָרדכע ספעקטאָרס אין וואַרשעווער „אונדזער לעבן", אין וועלכן עס האָט זיך געזאָגט: „די קאָנפערענץ אין טשערנאָוויץ איז דער ערשטער זוימען פון וועלכן עס וועט אַרויסשפּראָצן ברייט, גרויס, שיין און רייך די קולטור פון דער יידישער שפּראַך און ליטע-ראַטור."

ניט געקוקט אַפן אומגינסטיקן געזעלשאַפטלעכן פּאַפּיר-וועטער איז דאָס קערנדל וואָס איז אין אַפּריל 1908 פאַרזייט געוואָרן אין ניו-יאָרק, אויפגעגאַנגען מיט 5 כאָדאָשים שפּעטער אין טשערנאָוויץ, אין יענער פרייער שטאָט פון דער שמייכלענדיק-קראַנקער עסטרייכיש-אונגאַרישער אימפּעריע, וואָס איז אין יענע צייטן געווען דאָס ליבע-ראַלסטע ווינקעלע פון דער יידישער מיזרעך-אייראָפּע.

ניט ווייט פון דאָרט, איבער דער בעסאַראַבישער גרענעץ, האָט געגליוועט די צאַרישע האַריגע-שטאָט קישעניעוו, אָבער דאָ, אין טשער-נאָוויץ, האָט זיך אין אויגוסט 1908 צעלייגט אַף אַ גרויסן מויער אַ ברייטער יידישער שמייכל. ווי אַ שורע געזונטע ווייסע ציין האָבן 37

יידישע אויסיעס געבלאַנקט אַף אַ ביניען פון דער אוניווערסיטעט־גאַס און די שטאָט האָט צום ערשטן מאָל אַ פאַרוואונדערטע געלייענט דעם שמייכלענדיקן יידישן אויפשריפט אַפן רויטן מויער: „ביוראָ פון דער קאָנפערענץ פאַר דער יידישער שפּראַך“. יידישע סטודענטן פון ווינער אַקאַדעמישע קאָרפּאָראַציעס און פון סטודענטישן פאַריין „יידישע קולטור“ האָבן צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן געשמייעט און געהאַוועט מיט אַן עכט־יידישער האַוועניש פאַר אַן עכט־יידישער זאַך, און צוזאַמען מיטן הער דאָקטאָר, וואָס מען האָט נישט געדאַרפט פורעש ביישמוי זיין קעדיי צו וויסן אַז עס האַנדלט זיך פון בירנבוימען, האָבן זיי אויפגענומען די פאַרשיידענע געסט, קאָרעספּאָנדענטן פון יידישע, דייטשע און פוילישע צייטונגען און דער איקער די דעלעגאַטן, צווישן וועלכע עס האָבן זיך אויסגעטיילט:

איצכאָק לייבוש פּערעץ — דער ליטעראַרישער קויהען־גאָדל פון פוילישן יידנטום, וואָס אינעם וואָרט זיינעם האָט די קאָנפערענץ אָן אויפהער געשעפּט פייער און געקליבן פונקען;

ד״ר כאַים זשיטלאָווסקי, וואָס אין זיין אַמעריקאַניש־ניכטערער סייכל־האַיאָשערדיקייט האָט די קאָנפערענץ געפונען אַ מעגלעכקייט אָפּצולעשן אירע הייספּולווערדיקע מאָמענטן;

שאָלעם אַש — דער ראָמאַנטישער צוזאַג פון דער יידישער ליטעראַטור, וואָס די שפּאָגל־נייע ניט־יידישע דערפּאָלגן זיינע איז אייראָפּע האָבן געמאָלט אין ראָז און אין בלאָ די צוקונפטיקע מאַראָכע פון יידיש;

אַווראָם רייזען — דער יונגער זינגער, וואָס האָט אויפגעשטעלט אַף אַזוינע לייכטע, מעלאָדישע און באַלעטמעסיקע פערזנפים דעם יידישן עלנט און טרויער;

הערש דאָוויד נאָמבערג, וואָס האָט באַוויזן מיטן יידישן וואָרט אַראָפּצונידערן דורך געדרייטע פּסיכאָלאָגישע טרעפּ אין די לאַבירינטן פון פאַראיינזאַמטע נעשאָמעס;

נויעך פּרילוצקי, וואָס האָט וויסנשאַפטלעך געשניטן דאָס יידישע

וואָרט און צעגלידערט עס מיט אזוי פיל פילאָלאָגישע פענמעסערלעך, לינגוויסטישע פינצעטן און אידיאָמאטישע שרויפנציערס;

מאטיסיאָהו מיזעס, וואָס איז געווען די רעוועלאַציע פון קאָנגרעס מיט זיין פענאָמענאַלן רעפעראַט, אַ רעפעראַט וואָס האָט אין אָקעאַן פון דער דעמאָלסטדיקער איגטעלעגענטיש־בייזוויליקער און טאַמעוואַטע־אומשולדיקער אומוויסנהייט אַנטדעקט פאַר אַלעמען דעם קאָנטינענט יידיש.

אביסל ליטעראַרישע יונגוואַרג, וואָס האָט געקענט צונויפשלאָגן אַף הויצאָעס, האָט זיך אויך צוגעשטעלט, און סטודענטן זיינען געקומען יידישן זייער געוויסן און זייער שפּראַך אַף דער קאָנפערענץ. דאָן זיינען געקומען די יידישע פּאַרטייען: „בונד״, פּויאַלע־ציאָן, אַלגעמיינע ציאָניסטן, סיימיסטן, אָרטאָדאָקסיע און סטאַם דעלעגאַטן וואָס האָבן אַנטשפּראָכן דעם גרויסן פּאָליטיש ניט־אָרגאַניזירטן סעקטאָר פון יידישן לעבן. ווי צוויי סימבאָלישע פאָנען האָבן געפלאַטערט הויך איבערן קאָנגרעס די באַגריסונגען פון מענדעלע מוכער ספרים, וואָס איז געווען צוגעשמידט צו דער טאַלמוד־טוירע אין אדעס און פון שאָלעם־אַלייכעמען, וואָס די קראַנקייט זיינע האָט אים אָנגעכאַפּט אין באַראַנאָוויטש און צוגעשמידט דאָרט צו אַ געלעגער. אויסער דעם זיינען אָנגעפלויגן פון אַלע עקן וועלט די צעפליגלטע בראָכעס פון פּערעץ הירשביין, דאָוויד פּינסקי, אַלעקסאַנדער הארקאַווי, יאַנקעוו דינעזאָן, מאָרדכע ספּעקטאָר, מאָרים ראָזנפעלד, יאַנקעוו גאָרדין, באַל־מאַכשאָוועס און נאָך, און נאָך, און נאָך...

עס איז קעדאַי צו אונטערשטרייכן אַז שוין די דאָזיקע ערשטע קאָנפערענץ פון דער יידישער קולטור איז געווען אַ קאָנפערענץ פון גרויסער יידישער אייניקייט. ניט אָרגאַניזירטערהייט, ניט אָפּגערעדטערהייט האָבן אַלע פּאַרטייען, פון איין פּאָליוס צום צווייטן, אַלע דריי יידישע געאָגראַפישע צענטערס, צוזאַמען מיט דער גאַנצער דעמאָלסטדיקער יידישער ליטעראַטור, געבראַכט זייער זאָרג און זייער ליידנשאַפט קיין טשערנאָוויץ. די יידישע קולטור־באַוועגונג איז בעצ׳יין געבוירן געוואָרן אונטערן צייכן פון אייניקייט. ניט אין די דרייסיקער

יאָרן האָט זיך די יידישע קולטור־אייניקייט צום ערשטן מאָל אויסגע־קריסטאַליזירט, נאָר דאָרט אין טשערנאָוויץ, אַפּן סאַמע שוועל פון אונדזער קולטור־אויפשטייג האָבן עסטער פרומקין פון „אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער־בונד״ און לעאָן כאַזאַנאָוויטש פון די פּויאַלע־ציען, און ד״ר זשיטלאָווסקי פון די סיימיסטן, און וועקסלער פון דער ציאָ־ניסטישער יוגנט, און רעב לייבל טויבש פון דער אָרטאָדאָקסיע, און די יונגע שרייבער, און די אומפּאַרטייאישע געגעבן זיך די הענט און גע־אייניקט זיך וועגן דער באַרימטער צענטראַלער רעזאָלוציע פון דער קאָנפערענץ.

אַט וואָס נויעך פּרילוצקי שרייבט וועגן דער דאָזיקער אייניקייט:

„ווי גרויס און ערהאַבן די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ איז אַלס היסטאָרישער מאָמענט, איז צו זען שוין פון דעם פאַקט, אַז איר איז געלונגען צו באַווייזן אַזאַ גרויסן נעס וועלכן מען האָט ביז איצט געהאַלטן בײַ אונדז פאַר אוממעגלעך: אין דער קאָנפערענץ האָבן אָנטייל גענומען מענטשן פון פאַרשיידענע פּאָליטישע און סאָציאַלע איבערצייגונגען, עס איז ווי פאַרווירק־לעכט געוואָרן ישעיהו הנאָווים אידיליע: „וגר זאב עם כבש״ — אַ בונדיסט איז געזעסן מיט אַ מיזראָכע און אַ פּויאַלע־ציאָן אין איין קנופּיע, גערעדט וועגן געמיינזאַמע אינטערעסן און גע־מיינזאַמער אַרבעט, איז עס ניט עק וועלט? און האָט מען גע־קענט רעדן וועגן אַ יידישער נאַציע קאָל־זמאַן עס איז געווען אוממעגלעך אַזאַ באַוויז פון נאַציאָנאַלער אַבדעס? און מעג מען ניט זאָגן אין דעם זין, אַז דאָס יידישע פאָלק איז געוואָרן אַ מאָדערנע נאַציע ערשט נאָך דער טשערנאָוויצער קאָנפע־רענץ?״

אַ צווייטער געזונטער שטריך פון דער קאָנפערענץ איז געווען איר ווילן ניט צו איזאָלירן זיך פון די מאַסן. די קאָנפערענץ איז פון זיצונג־זאַל אַרויס אין גאַס און דאָרט, אין אַ גרויסן טשערנאָוויצער שטאָט־גאָרטן, פאַר אַן אוילעם פון 2000 מענטשן, האָבן די צענטראַלע פיגורן פון דער קאָנפערענץ ניט רעפערירט נאָר מאַמעש אויסגעגאָסן זייערע הער־

צער אף דער טעמע „די באַדייטונג פון דער קאָנפערענץ פאַר דער יידי־שער שפּראַך און פאַר איר טאַבלעס”. פון זיצונגזאַל איז די קאָנפערענץ אַוועק אין שטאָט־טעאַטער, וואו די שרייבער האָבן געלייענט זייערע ווערק און פון זיצונגזאַל האָט שפּעטער די קאָנפערענץ אַ פלייץ געטאָן איבער גאַנץ גאַליציע אין דער פאָרעם פון אַ דיכטער־טור, בעמעשעך פון וועלכן פערעץ, אַש, רייזען און נאָמבערג האָבן צום ערשטן מאָל פונאַנדערגעפירט דאָס קינסטלערישע יידישע וואָרט צווישן פאָלק.

דעם 30סטן אויגוסט 1908 איז די יידישע ערעוו־יאָנטעוודיקע שפּאַנונג אין טשערנאָוויץ דערגאַנגען צו איר יאָנטעוודיקן קאַכפונקט — עס האָט זיך געעפנט די קאָנפערענץ. אין אַ דייטשמעריש־גאַליציאַנישן יידיש האָט ד"ר בירנבוים געהאַלטן די עפענונג־רעדע און האָט צווישן אַנדערן געזאָגט אָט־וואָס:

„פּאַמעלעך איז אַרויסגעוואַקסן אַ נייע אינטעליגענץ וואָס האָט מיט אַנדערע אויגן געקוקט אָפן יידישן לאָשן; זי האָט דערפילט: אָט דאָס איז געשאָפן פון אונדזער פאָלק, אָט דאָס איז האַרץ פון אונדזער האַרץ, אָט דאָס איז לעבן פון אונדזער לעבן. פון וואַנען זאָל זיך נעמען בא אונדז דאָס געפיל פאַר אונדזער קאָוועד, אַז אַ גאַנץ לעבן האַלטן מיר זיך אין איין שעמען מיט זיך אַליין, אַז מיר גלויבן אין דעם האָטענטאָטס געניוס מער ווי אין אונדזערן, מיר האַלטן יענעמס אָרעם ריידעכץ פאַר אַ שפּראַך און אונדזער אייגן רעדן, אין וועלכן מיר האָבן דורך הונדערטער יאָרן אַריינגעגראָבן און אַריינבאַהאַלטן אונדזער גייסט, אונדזער האַרץ, אונדזער הומאָר, אונדזער פרייד און אונדזער טרויער, פאַר אַ געפּלאַפּל, פאַר אַ זשאַרגאָן? ווי אַזוי זאָל אַ פאָלק מיט אַזאַ שטענדיקער מאַיעסטעט־באַליידיקונג קענען זיך אַליין קענען האָבן אַ געפיל פאַר זיין קאָוועד, פאַר זיין נאַציאָנאַלער סואָווערעניטעט? לאָזט אונדז אַראָפּנעמען דאָס כאַר־פע־קלייד פון אונדזער מאַמע־לאָשן, מיט וועלכן אונדזער קראַנקע, שוואַכע יידישקייט האָט אים אַרומגעהילט, און אונדזער פאָלק וועט ווידער שיינען און לייכטן אין קאָוועד!“

נאָך בירנבוימס שווערגעמעסטן־דיקן יידיש האָט אויפגעפלאַקערט ווי אַ שייטער פערעצעס וואָרט, וואָס האָט שוין אַזוי געלויכטן אָן אויפהער ווי אַן אילומינאַציע איבערן גאַנצן קאָנגרעס. מיטן באַוואוסט־זיין פון אַ שליעך־ציבור האָט פערע׳ן אויסגערופן:

„מיר רופן צו דער וועלט, מיר זיינען אַ יידיש פאָלק און יידיש איז אונדזער שפּראַך, און אויף יידיש ווילן מיר זיך דורכ־לעבן און אונדזערע קולטור־גיטער באַשאַפן. — — — —מיר ווילן קיינעם ניט דינען. פעלקער־לאַקייען קענען קיין קולטור־גע־טער ניט באַשאַפן. מיר ט ו ע ן עס. — — — — מיר ווילן זיך שוין מער ניט צעברעקלען און אָפּגעבן יעדן מוילעך־שטאַט זיין בראָקן. איין פאָלק יידן, זיין שפּראַך איז יידיש. — — — וואַרשע און בוקאָווינע, ניו־יאָרק און רוסלאַנד מוזן אַצינד פאַר־אייניקט ווערן אין דער יידישער שפּראַך. דאָס אַלטערטום און די נייע צייט, די פאַרגאַנגענהייט און די קעגנוואַרט מוזן געפי־נען אין איר זייער אויסדרוק. די יידישע קולטור־גיטער מוזן ווערן דאָס אייגנטום פון דער גאַנצער וועלט און די גאַנצע וועלט מוז אונדז הערן און פאַרשטיין.“

נאָך די יאָנטעוודיקע דעקלאַראַציעס האָט מען זיך מיט ניט ווינ־ציקער ליידנשאַפט אַ נעם געטאָן צום וואָכעדיקן איקער וואָס האָט געדאַרפט דערפירן ווידעראַמאָל צו אַ יאָנטעוודיקן פינאַל.

די טעמאַטיק פון דער קאָנפערענץ איז געווען אַן איבערגעלאָדענע און האָט זיך אין איר פאָרויסזעערישקייט ווייניק וואָס אונטערשיידט פון דער טעמאַטיק פון די שפּעטערדיקע קולטור־קאָנפערענצן. עס זיינען געווען באַשטימט רעפעראַטן וועגן יידיש, וועגן אַריבערטראָגן אַלע קול־טור־אויצרעס פון יידנטום אין דער יידישער שפּראַך, וועגן ליטעראַטור, טעאַטער און פרעסע, וועגן דער יוגנט, וועגן דער יידישער שול, וועגן קונסט, וועגן פאָלקסשאַפונג, וועגן אָנערקענונג פון יידיש און וועגן אײַנ־יאָנים פון אָרגאַניזאַציע.

דער קאָנגרעס האָט זיך אָבער אַזוי צעשטורעמט און צעוויגט אַז ער האָט געביטן דעם פילאָלאָגיש־ליטעראַרישן און אַלגעמיין־טעמאַטי־

שן כאראקטער פון דער קאָנפערענץ. דער קאָנגרעס איז אַרומגעכאַפּט געוואָרן גלייך פון אָנהייב פון אַ קאָנסטיטוציאָנעלער סטיכיע, פון אַ געזעצגעבערישן ווילן און פון אַ דעקלאַראַטיווער לײדנשאַפט בענויגייע יידיש. אַף 10 זיצונגען וואָס דער קאָנגרעס האָט אָפּגעהאַלטן בעמע־שעך פון 5 טעג האָבן פון די 16 פּראָגראַמירטע רעפעראַטן געקענט גע־האַלטן ווערן בלויז 5, צווישן זיי דער ווירטואָזישער, עפּאָכעמאַכנדי־קער רעפעראַט פון מיזעסן וועגן דער יידישער שפּראַך. די איבעריקע צייט איז פאַרשלונגען געוואָרן אַף אויסצואַרבעטן „בקולות ובברקים" די טשערנאָוויצער קרוין־דעקלאַראַציע, וואָס איז טכילאַס באַשטאַנען פון 8 ווערטער און וואָס איז שפּעטער אויסגעברייטערט געוואָרן צו 2 זאַצן; די דעקלאַראַציע, צוליב וועלכער טשערנאָוויץ איז געוואָרן אַ סימבאָלישער שעם־דאָוואָר אין די יידישע קולטור־טראַדיציעס פון די לעצטע יאָרן; די נאַציאָנאַלע דעקלאַראַציע וועגן יידיש.

— .5 —

מיט שווערע טריט אָבער מיט אַסאַך פּאָלעמישן פייער האָט זיך דער קאָנגרעס דערקליבן צום פייערלעכן מאָמענט פון דער פּראָקלאַמי־רונג. גראָד בענויגייע דעם דאָזיקן צענטראַלן ברענפּונקט האָט דער קאָנגרעס אַריבערגעוואַקסן פּערעצן. פּערעץ האָט געהאַלטן אַז יידיש קען נאָך ניט אָנגערופן ווערן „נאַציאָנאַלע שפּראַך", ווייל די אינטעלי־גענץ שעפּט נאָך ניט פון איר איר בילדונג און קולטור, און ווייל די פריערדיקע גייסטיקע אויצרעס פון יידישן פאָלק זיינען נאָך ניט אי־בערגעגאָסן אין יידיש. דער „בונד" האָט געהאַלטן, אַז יידיש איז די איינציקע נאַציאָנאַלע, שפּראַך פון יידישן פאָלק, אונטערשטרייכנדיק אַז דער פּראָלעטאַריאַט האָט דער ערשטער אָנערקענט די יידישע שפּראַך און געווירקט אין דעם זינען אַף די ברייטע מאַסן און אַפילע אַף דער אינטעליגענץ. די פּויאַלע־ציאָן האָבן געהאַלטן אַז יידיש איז אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך דאָרט וואו יידן וואוינען אין מאַסן און רעדן יידיש. דער פאָרשטייער פון דער ליטעראַרישער יוגנט, שאָלעם אַש, האָט אַזוי אויסגעדריקט זיין מיינונג:

„די פראגע צי איז יידיש א נאציאָנאַלע שפּראַך אָדער ניט איז די זעלבע פראגע צי זיינען יידן א נאציע אָדער ניט. יידיש האָט דאָס זעלבע רעכט אָנצורופן זיך נאציאָנאַלע שפּראַך ווי יידן — א נאציע. יידיש איז בא אונדז ניט קיין פרעמד גע־וויקס, ס'איז א פּיירע פון אונדזער אייגן בלוט, פון אונדזער האַרץ. ווער עס פילט יידיש דער ווייס אז יידיש איז אונדזער נאַציאָנאַלע שפּראַך."

נאָך לאַנגע אַמפּערנישן האָבן זיך פון דער דעבאַטע אויסגעשיילט 5 קאָנקרעטע פאָרשלאָגן וועגן יידיש: 1) יידיש איז א שפּראַך פון יידישן פאָלק, 2) יידיש איז א פאָלקשפּראַך, 3) יידיש איז א נאַציאָ־נאַלע שפּראַך, 4) יידיש איז די נאַציאָנאַלע שפּראַך, 5) יידיש איז די איינציקע נאַציאָנאַלע שפּראַך.

נאָך דעם ווי פּערעץ האָט געפאָדערט אז די קאָנפערענץ זאָל קוי־דעם־קאָל באַשטימען צי לעגאַבע יידיש קען, אין פּרינציפּ, אָנגעווענדט ווערן די באַצייכענונג „נאַציאָנאַל", האָט דער קאָנגרעס דעם 2טן סעפּ־טעמבער 1908, אונטערן פאָרזיץ פון ד"ר כאים זשיטלאָווסקי, געענט־פערט מיט א קאַטעגאָרישן יאָ און באַשלאָסן צו פּראָקלאַמירן די פאָרמול, אז:

יידיש איז א נאַציאָנאַלע שפּראַך פון יידישן פאָלק.

גלייך ווי די דאָזיקע 8 ווערטער האָבן צום ערשטן מאָל אַראָפּגע־פלאַטערט פון פּרעזידיום־טיש זיינען שאָלעם אש און אוראַם רייזען אַרויפגעפאַלן איינער אפן צווייטן און צעקושט זיך פאַר די אויגן פון גאַנצן קאָנגרעס. דער דאָזיקער קוש פון פרייד איז געווען דער שטעמפּל וואָס די יידישע ליטעראַטור האָט אוועקגעשטעלט אף דער רעזאָלוציע; דאָס איז געווען די באַגריסונג פון יידישן קינסטלערישן וואָרט, דער ליטעראַרישער קאַנאָנען־שאָס לעקאָוועד דער נייער נאַציאָנאַלער קאָנ־סטיטוציע וואָס דאָס מאַמע־לשון האָט באַקומען.

מען האָט געפילט אז יענע פאַרנאַכטיקע שאָ פון 2טן סעפּטעמ־בער, ווען די יידישע שפּראַך האָט באַקומען איר טשערנאָוויצער בראָכע,

געהערט צו די גרויסע געשיכטלעכע מאָמענטן, ווען פעלקער דערקלערן זייער אומאָפּהענגיקייט, ווען אַרמייען גיבן אָפּ אַ שוואוע פון טרייהייט, ווען אונטערדריקטע מאַסן עמאַנציפּירן זיך.

די פּראָקלאַמירטע סאַמן־וועסימכעדיקע פאָרמול איז פון פּרעזידיום־טיש אַוועק נעכטיקן אין דער רעזאָלוציע־קאָמיסיע און אָפּ מאָרגן האָט זי זיך פאָרגעשטעלט פאַרן קאָנגרעס אין אַזאַ מין דעפיניטיווער געשטאַלט:

„די ערשטע קאָנפערענץ פון דער יידישער שפּראַך אָנערקענט יידיש פאַר אַ נאַציאָנאַלער שפּראַך פונעם יידישן פאָלק און פאָדערט פאַר איר פּאָליטישע, געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע גלייכבארעכטיקונג.

„דערביי האַלט די קאָנפערענץ פאַר נייטיק צו דערקלערן, אַז יעדן אָנטיילנעמער אין דער קאָנפערענץ, ווי אויך יעדן מיטגליד פון דער קינפטיקער אָרגאַניזאַציע, בלייבט די פרייהייט זיך צו באַציען צו דער העברעישער שפּראַך לויט זיינע פּערזענלעכע איבערצייגונגען.“

— 6. —

אסאך מיינען אַז אין טשערנאָוויץ איז אויפגעקומען דער אַנטאַגאָניזם צווישן יידיש און העברעיש, און אַז דאָרט אָפּן קאָנגרעס איז געעפנט געוואָרן די ערשטע טראַנשייע פון דעקלאַרירטן שפּראַכנקאַמף.

לעמאַאַן האָעמעס מוז מען אונטערשטרייכן אַז די קעמפערישקייט פון יידיש איז באַשטאַנען אין פּאַרטיידיקן איר קאָוועד און אַז טביאַס איז איר פרעמד געוועזן יעדע אָנגרייפערישקייט לעגאַבע העברעיש. יידיש האָט בלויז אָנגעגריפן די אַסימילאַציע און איז נ י ט געוועזן אַגרעסיוו לעגאַבע העברעיש, אין דער צייט ווען העברעיש האָט נ י ט אָנגעגריפן די אַסימילאַציע און איז י אָ געוועזן אַגרעסיוו לעגאַבע יידיש.

ביכלאַל איז פאַלש צו מיינען אַז דער אַמאָליקער אַזוי גערופענער שפּראַכנקאַמף איז געווען אַן אַבסטראַקטער קאַמף צווישן יידיש און העברעיש. דאָס איז געווען בלויז איינער פון די אַספּעקטן פון אַל-

געמיינעם אידעאָלאָגישן קאַמף, און אַף אַזוי פיל אַף וויפל העברעיש איז אַמאָל געווען אידענטיפיצירט מיט געוויסע רעאַקציאָנערע אָנפאַלן אַפן יידישן לעבן, אַף אַזוי פיל האָט יידיש, וואָס איז שטענדיק געווען אידענטיפיצירט מיט די יידישע פּראָגרעסיווע קויכעס, געשטעלט אַ ווידערשטאַנד. דער סאָציאַליסטישער יידישיזם און טיילווייז דער פאָלקיסטישער און זשיטלאָווסקישער, דער יידישיזם מיט אַ סאָציאַלן אינהאַלט, איז שטענדיק געווען פריי פון בלינדער סינע און וואָס שייך דער פאַרביסנקייט פון שפּעטערדיקן נאַציאָנאַליסטישן, אַסאַ-ציאַלן סטאַם-יידישיזם איז זי געווען רעדוצירט צו ענגע קלייזלדיקע קרייזן, וואָס האָבן קיין שום אַנטשיידנדיקע ווירקונג ניט געהאַט אַפן יידישן מאַסן-לעבן.

די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ האָט ניט געמאַכט פון יידיש קיין פעטיש, קיין הייליקייט. זי האָט פּאַשעט פעסטגעשטעלט אַ פאַקט און סאַנקציאָנירט אַ נאַציאָנאַלן עמועס. זי האָט אָנערקענט אַ זאַך וואָס האָט זיך געריסן זינט יאָרן און יאָרן נאָך אָנערקענונג. זי האָט דע-פינירט אַן עקזיסטירנדיקן צושטאַנד און געגעבן סמיכעס אַף נאַציאָ-נאַלער שפּראַכיקייט אַן אייגענער שפּראַך וואָס איז זינט 800 יאָר איינגעוואַרעמט געוואָרן אונטערן האַרצן פון יידישן פאָלק.

די נאַציאָנאַלע קרוינונג פון יידיש אין טשערנאָוויץ איז אין עצעם געווען אַ פאָרמאַליטעט, ווייל יידיש האָט בעמיילע אויסגע-שפּרייט איר פאָלקס-מעמשאָלע, איר דעמאָקראַטישע הערשאַפט איבער אַלע ווינקעלעך פון יידישן לעבן. דאָס יידישע וואָרט האָט געלעבט אין אַ צושטאַנד פון דע פאַקטאָ, און דער ערשטער יידישער קולטור-פּאַרלאַמענט האָט אים אַוועקגעשטעלט אַף זיין געהעריקער יורידישער און קאָנסטיטוציאָנעלער הייך.

דאָס דורכפירן די דאָזיקע פאָרמאַליטעט איז געווען די אונטער-שטרייכונג, די עקזאַלטאַציע וואָס האָט ביז דאַן געפעלט, דאָס פייער-לעך-קאָנקרעטע פוירעש-בעשעם זיין, דאָס אָנרופן אַ טייערע זאַך מיט איר טייערן נאָמען. גראָד די דאָזיקע פאָרמאַליטעט האָט דערקוויקט און אַרויסגערופן אַזוי פיל שעפערישע אימפּולסן.

אין יענע צייטן, מיט 40 יאָר צוריק, ווען עס האָט געשוויבלט און געגריבלט מיט אַזוי פיל זשאַרגאָנישע פּאָראָורטיילן לעגאַבע יידיש, האָט מען געדאַרפט האָבן אַ גרויסע קעמפערישע דרייסטקייט קעדיי צו געבן אַ נאַציאָנאַלע קאַטעגאָריע דער יידישער שפּראַך. דערפאַר איז די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ געווען ניט נאָר אַ קאָנגרעס פון אייניקייט, פון פאָלקס-באַוווסטזיין און פון פּראַגמאַטישקייט, נאָר אויך פון קאַמף און פון פּראָטעסט קעגן דער רעאַקציע, וואָס האָט ניט געוואָלט דערלאָזן אַז די יונגע פאָלקסזאַפטן זאָלן נעמען געבן בייע פּיירעס, נאָר פאַרקערט זיי זאָלן איינגעדאַרט ווערן ווי די טאַל-מודישע „גרוגרת ד׳רבי צדוק״.

— .7 —

די קאָנפערענץ האָט זיך געענדיקט און האָט איבערגעגעבן די יידישע מאַסן דאָס קליין שטיקעלע פּאַפּיר מיט דער באַרימטער רע-זאָלוציע, אַ געשטעמפּלטע מיטן הייסן קוש פון אַשן און רייזענען.

די יידישע שפּראַך האָט באַקומען איר קאָנסטיטוציע, אָבער די קעגנער וואָס האָבן פריער בלויז געבוויזעקט, האָבן שוין אָנגעהויבן איצט צו צאָרענען און אַרויסצוגיין פון זייערע רעאַקציאָנערע קיילים. די יידישע נאַציאָנאַליסטישע פּרעסע, פאַר וועלכער יידיש איז געווען, אין בעסטן פאַל, ווי זי האָט זיך אויסגעדריקט, אַ „מאַלום נעצעסאַ-ריום״, אַן אומפאַרמיידלעך בייז, האָט אָנגערופן די טשערנאָוויצער רעזאָלוציע „נאַציאָנאַלער וואַנדאַליזם״, די קאָנפערענץ — „צוזאַמענ-קום פון אַמעראַצים״ און די דעלעגאַטן — „קראַנקע נעשאַמעס״, „אַב-נאָרמאַלע מענטשן״ און „ענטאַרטעטע יידן״ ד״ה דעגענערירטע יידן, אָבער אָט וואָס גויעך פּרילוצקי האָט געשריבן נאָך דער קאָנפערענץ:

„די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ דאַרפן מיר באַטראַכטן אַלס אַ גלענצנדן באַוויז, וואָס דאַרף אונדז האַרציק דערפרייען, אַז די נאַציאָנאַל-קולטורעלע קעגנוואַרט הייבט אָן צו פאַרנעמען באַם יידישן פאָלק דאָס אָרט וואָס קומט איר, אויב מיר אָנערקענען

דאָס יידישע פאָלק פאַר אַ מאָדערנער נאַציע. איך האָב גאָרניט מוירע צו זיין פּאַראַדאָקסאַל, ווען איך וועל זאָגן אַז ערשט נאָך דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ פאַרדינט דאָס יידישע פאָלק דעם נאָמען מאָדערנע נאַציע. — — — — — די טשערנאָוויצער וואָך הייבט אָן, לויט מיין טיפער איבערצייגונג, אַ נייע עפּאָכע אין אונדזער נאַציאָנאַלן לעבן."

די טשערנאָוויצער אָנערקענונג פון יידיש האָט אויפגעמונטערט און וויטאַליזירט דאָס יידישע קולטור-לעבן. די קאַטעגאָריע פון נאַציאָנאַלקייט וואָס די יידישע שפּראַך האָט באַקומען האָט אַ הויכן הייב געטאָן די כשיוועס און דעם אָנזען פון די יידישע מאַסן אין זייערע אייגענע אויגן און האָט זיי געוויזן אַז די יידישע קולטור איז זיי געטריי און איז אַ ליכטיקער פאַקטאָר אין זייער דעמאָקראַטישן אויפשטייג.

מיט נאָך מער אייפערדיקייט ווי פריער האָבן די יידישע פאָלקסשיכטן גענומען באַפרידיקן אַלע זייערע נאָרמאַלע קולטור-באַדערפענישן אין דער יידישער שפּראַך. עס זיינען אויפגעקומען יידישע קולטור-ליגעס און קולטור-פאַראיינען, פאַרלאַגן און צייטשריפטן, כאָרן און דראַמקרייזן, ביבליאָטעקן און פאָרשצענטערס, און דער פּרעכטיקער אינטעגראַלער יידישער שולוועזן, מיט זיינע פאָלקשולן, גימנאַזיעס, טעכניקומס און אינסטיטוטן, און די גאַנצע אַטמאָספער פון דורכאויסיקער יידישער יידישקייט, און די גאַנצע רוישנדיקע קולטור-צעוואַקסנקייט צווישן ביידע וועלט-מילכאָמעס.

די יידישע קולטור-שאַפער און קולטור-געניסער האָבן עפּשער בעאיים-מייסע, אין טראַנס פון יידישן אויסלעבן זיך, פאַרגעסן שוין אין טשערנאָוויץ, פונקט ווי מען פאַרגעסט אין פאַרשוואונדענעם עלטער-זיידן, אָבער אומדירעקט לעבט אין יעדן אוראייניקל זיין עלטער-זיידע. אינעם גרויסן קולטור-פאַרמעסט וואָס האָט זיך געצויגן צווישן 1909 און 1939 האָט געלעבט דער ערשטער שטוים פון טשערנאָוויץ. אין די 40 טאָגצייטונגען, אין די 450 צייטשריפטן, אין די 100 טעאַטערן, אין די טויזנטער שולן, אין די צענדליקער טויזנטער ביכער

און בראַשורן האָט געלעבט דער קאָנסטיטוציאָנעלער עמעס פון טשער-נאָוויץ, דער פייערלעכער פּאַראַגראַף, אַז יידיש איז אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך פון יידישן פאָלק. אין דער גאָרער וועלט, וואו יידן האָבן גענו-מען לעבן מיט אַ גאַנצער פּוליידישקייט האָט פון פריער נאָך געלעבט דער אימפּולס פון דער טשערנאָוויצער אומאָפּהענגיקייט-דעקלאַראַציע.

די אינערלעכע, יידישע אָנערקענונג פון יידיש איז געווען אַן עטאַפּ אָפן וועג צו דער אויסערלעכער, ניט-יידישער אָנערקענונג. מיט דער טשערנאָוויצער באַפּולמעכטיקונג האָט מען געקראָגן מוט צו קעמפן קעגן דער ניט-יידישער אונטערדריקונג פון יידיש און אין איי-נעם אַ לאַנד האָט מען קעמפן אַפילע אויך ניט געדאַרפט; עס זיינען קיים אַוועק 10 יאָר נאָך טשערנאָוויץ, ווי אַף די ברוכשטיקער פון דער צאַרן-אימפּעריע, אין יונגן ראַטנפאַרבאַנד, האָט יידיש דערגרייכט צו נאָך אַ העכערן שטאַפּל, צום שטאַפּל פון אַ מעלוכיש-נאַציאָנאַלער שפּראַך פון יידישן פאָלק.

די ערשטע טריט וואָס די יידישע קולטור האָט געמאַכט אין 1908 אין טשערנאָוויץ האָבן אָפּגעקלונגען אין 1937 אין פּאַריז. די דער-וואַקסענע און אויסגעוואַקסענע יידישע קולטור האָט זיך דערמאָנט אין איר אידילישער טשערנאָוויצער יוגנט, אָבער אויך די זאָרגן אירע זיי-נען אויסגעוואַקסן און געווען אינגאַנצן אַנדערע, ווייל פון אַלע זייטן האָבן שוין דאַן ציניש געפינטלט די סימאָנים פון דער קאַטאַסטראָפע וואָס האָט זיך געקייקלט אומגעשטערט אין דער ריכטונג פון אונדזער פאָלק. דערפאַר האָט פּאַריז אין איר מאַניפעסט געזאָגט אַט-וואָס:

„די צוויי פּאָלאַר-קעגנזעצלעכע מאָמענטן פון דער איצטי-קער היסטאָרישער טקופע אין לעבן פון יידישן פאָלק, דער אָנ-וואוקס פון קולטורקרעפטן און דער אָנוואוקס פון קאַטאַסטראָפע, שטעלן אַוועק פאַר דער יידישער עפנטלעכקייט אַזוינע פּראָבלע-מען, וואָס קענען געלייזט ווערן נאָר דורך אַ פאַראייניקונג פון אַלע לעבעדיקע און שאַפנדיקע יידישע קויכעס, ניט בלויז אין יעדן לאַנד באַזונדער, נאָר אויך אַף אַ וועלט-מאַסשטאַב.“

אָט פאַרוואָס פּאַריז האָט געשטעלט דעם טראָפּ אַף פּאַרטיידי־קונג, אַף „פּאַרטיידיקן די יידישע קולטור״ קעגן אַלע מינע דרויסנ־דיקע און אינעווייניקסטע סאָנים, און אָט פאַרוואָס זי האָט אויסגע־קוקט די אויגן אַף אַליידישער אייניקייט.

איצט, נאָך דעם ווי די קאַטאַסטראָפּע איז מיט אירע אייזערנע קאַמען אַריבער איבער אונדז און האָט אַרויסגעריסן ווי אַן „אבר מן החי״ אַ דריטל פון אונדזער לייב, שטייען מיר פאַר אַ נייער פאַזע — רעקאָנסטרוקציע. די אָפּבוי־אַרבעט איז אָבער פאַרבונדן מיט אַ קאַמף פאַר עפענען די אויגן, אַ קאַמף וואָס טשערנאָוויץ גערעדנקט נאָך, אַ קאַמף מיט די אינערלעכע קעגנער, די שפּאַלטערס און צעשפּליטע־רערס, וואָס ווילן איצט מיט זייער מיקראָבן־אַרבעט און מיט זייערע מיקראָבן־קויכעס צעטרענצלען די רומפולע אייניקייט־טראַדיציעס פון טשערנאָוויץ און פון פּאַריז, און די לעבעדיקע געבאָטן פון יידישן פאָלק.

— .8 —

ניט אין אַן איינהייטלעכן מאַצעוו געפינט זיך איצט די יידישע קולטור אַף דער וועלט. אין דער נייער מיזרעך־אייראָפּע און אין בי־רעבידזשאַן האָט די יידישע נאַציאָנאַלע קולטור דערגרייכט צו אַ מאַדרייגע וועגן וועלכער די ראָמאַנטישע טשערנאָוויץ האָט ניט גע־וואַגט אַפילע פאַרויסצוטרוימען. אין יענע געגנטן איז זי ניט נאָר אַ נאַציאָנאַלע קולטור, ניט נאָר ד י נאַציאָנאַלע קולטור, נאָר די מע־לוכיש־נאַציאָנאַלע יידישע קולטור. גראָד קישעניעוו די בלוטיקע און טשערנאָוויץ די טרוימערישע האָבן איצט די יונגע זכיע צו זען ווי די יידישע קולטור הייבט אָן צו וואַקסן און גדייען מעלוכיש.

אין די איבעריקע צעטרייסלטע יישואווים, וואו די מעלוכישקייט איז נאָך ניט דערגאַנגען צו דער נאַציאָנאַלער יידישער קולטור, מוזן מיר אַליין רעקאָנסטרואירן מיט די אייגענע פאָלקספינגער און גערענ־קען אַז קולטור גדייט נ י ט אונטער אַלע קלימאַטן, אָבער אַז

קלימאַטן קען מען ענדערן, פונקט ווי ס'איז געענדערט געוואָרן דער האַרבער קלימאַט פון קישעניעוו און דער פאַרעווער קלימאַט פון טשערנאָוויץ.

די יידישע קולטור פון גאַנצן יידישן פאָלק איז איין גרויסע וועלטקולטור און אויב זי וויל ניט זיין באַדעקט מיט אַ נעץ פון צעפּלאַצטקייטן, מוז הערשן שאָלעם אף איר גאַנצער פעריפעריע. שאָלעם, קוידעם-קאָל, מיט דער קולטור פון מעדינאַס ייסראָעל. ניטאָ מער קיין שפּראַך-קאָנפליקטן, וויילביידע שפּראַכן פון יידישן פאָלק פירן מער ניט קיין אידעאָלאָגישן קאַמף צווישן זיך. זיי האָבן איצט זייערע געאָגראַפישע גרענעצן און ווילן ניט מאַסיג גוואול זיין איינע דער צווייטער. עס וואָלט נאָר נויטיק געווען אַז א י ן די גרענעצן פון יעדער איינער פון זיי זאָל די אַנדערע זיין אַן אָנגעלייגטער גאַסט. שאָלעם מיט דער יידישער סאָציאַליסטישער קולטור פון מיזרעך און שאָלעם מיט דער צעטומלטער קולטור פון יידישן מיירעוו, אויב זי וועט אויפהערן צו קוקן אף צוריק און אויב זי וועט אַרויספּאַטערן די פרעמדע צוקווינטן וואָס יאָגן דורך אַלע אירע שפּאַלטן.

אַ גרויסן שפּאַן פאָרויס האָט די יידישע קולטור געגעבן בעמעשעך פון די 40 פעך-און-שוועבלדיקע יאָרן זינט טשערנאָוויץ. דער ערשטער טשערנאָוויצער עטאַפּ איז געווען אַ קאָנסטיטוציאָנעלער, אַ דעקלאַראַטיווער; דער צווייטער פּאַריזער עטאַפּ איז געווען אַ קעמפערישער, אַ מיליטאַנטישער און דער דריטער, דער איצטיקער, וואָס האָט נאָך ניט צוליב די שפּאַלטערס קיין אַלוועלטלעכן געאָגראַפישן קלאַל-נאָמען, איז אַ רעקאָנסטרוקטיווער, אַן אָפּבויענדיקער.

מיטן גאַנצן האַרצן גלייבן מיר אַז דער פערטער עטאַפּ וועט זיין פול מיט פרייידיקער ליכט, מיט אַסאַך מעלוכישקייט, ווייל מיר זיינען זיכער אַז די מענטשהייט וועט זיך סאָף-קאָל-סאָף אויסרייבן די אויגן און אָראָפּשאָקלען פון אירע וויעס דעם איבערגעבליבענעם קאָשמאַרשטויב.

ווי גרויס, אָבער, עס זאָל ניט זיין די מאַדרייגע צו וועלכער די יידישע קולטור זאָל ווען ניט איז דערגרייכן, וועט זי שטענדיק געדענקען אין די גרויסע ראָמאַנטישע טעג פון 1908, אין דער ערשטער סואווערענער קאָנסטיטוציע אירער, און שטענדיק וועט זי זיך דערמאָנען אז פון אָנהייב איז געווען טשערנאָוויץ.

Se terminó de imprimir en los Talleres
Gráficos Julio Kaufman, Corrientes
1976, Buenos Aires, el día 16 de
Octubre de 1948.

פאַרלאַג „איקוף"

בוענאָס-איירעס

א. סוצקעווער

ווילנער געטאָ

פרייז 10 פעזעס.

אַלעקסאַנדער בעק

פאַנפילאָווס מענטשן

יידיש: מ. וואָלאַנסקי

געבונדן אין לייוונט 10 פעזעס.

געבונדן אין קאַרטאָן 8 פעזעס,

לוקסוס-אויסגאַבע 12 פעזעס.

שאָלעם-אַליכעם

דאָס מעסערל

פרייז 1 פעזע.

פּימכע סנע

בלעטער אפן ווינט

בראָשירט 6 פעזעס, געבונדן אין לייוונט 9 פעזעס.

זישע ווײנפער

דער גילדענער האָן

בראָשירט 6 פעזעס, געבונדן אין לייוונט 9 פעזעס.

פאָרטרעטן פון מענדעלע מוכער ספאַרים

פרייז: 0.50 סענט.

שוין דערשינען:

צאַלעל בליץ

טרוימען אָנגעטאָן אין שטאָל

פון געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט באַם פאַרלאַג „איקוף"

פ. קאַץ — געקליבענע שריפטן אין 9 בענד

געבונדן אין לייוונט 75 פעזעס, לוקסוס-אויסגאַבע 120 פעזעס.

EDITORIAL "ICUF"

Valentín Gómez 3245 **Buenos Aires**